**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/22/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער HOCHUL באשטימט נאנט צו 1 ביליאן דאלער פאר SUNY דאונסטעיט איבערמאכונג**

***קאמיוניטי אדווייזערי באורד האט היינט געהאלטן די ערשטע פון דריי פובליק הירינגס צו אנטוויקלען א פינאנציעל פאראנטווארטליכע, לאנג-טערמיניגע פלאן פאר SUNY דאונסטעיט צוקונפט***

***גאווערנער Hochul האט ארויסגעברענגט 550 מיליאן דאלער פאר די איינריכטונג ארייינגערעכנט אין די פיסקאלע יאר 2026 עקזעקיוטיוו בודזשעט, זיך בויענדיג אויף לעצטע יאר'ס 400 מיליאן אינוועסטירונג***

***די אדווייזערי באורד קען נעמען אין באטראכט ביז 750 מיליאן דאלער פון ניו יארק סטעיט'ס קאפיטאל געלטער פאר אינוועסטירונג***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט ארויסגעברענגט 450 מיליאן דאלער איןקאפיטאל געלטער און 100 מיליאן אין אפעראציע שטיצע פאר SUNY דאונסטעיט אין די פיסקאלע יאר 2026 עקזעקיוטיוו בודזשעט דורכאויס די קאמיוניטי אדווייזערי באורד'ס ערשטע פון דריי פובליק הירינגס. די געלטער זענען אין צוגאב צו 300 מיליאן דאלער אין קאפיטאל געלטער און 100 מיליאן דאלער אין אפעראציע שטיצע ארייינגערעכנט אין די פיסקאלע יאר 2025 אקטיווע בודזשעט, מאכנדיג א סך הכל פון 950 מיליאן דאלער באשטימט פא די איינריכטונג. די קאמיוניטי אדווייזערי באורד, געגרינדעט דורך גאווערנער Hochul (האקול) און די לעגיסלאטור אונטער די פיסקאלע יאר 2025 אקטיווע בודזשעט, האט די פליכט צו אנטוויקלען רעקאמענדאציעס צו פארזיכערן די לאנג טערמיניגע פינאנציעלע געזונט און סטאביליטעט פון די איינריכטונג און קענען נעמען אין באטראכט רעקאמענדאציעס פון ביז 750 מיליאן דאלער אין ניו יארק סטעיט'ס קאפיטאל געלטער פאר אינוועסטירונג.

"די דאונסטעיט קאמיוניטי אדווייזערי באורד האט אנגעהויבן די קריטישע ארבעט פון העלפן צו פארזיכערן די לאנג-טערמיניגע פינאנציעלע סטאביליטעט פון SUNY דאונסטעיט," **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "די פובליק הירינגס זענען א וויכטיגע טריט אין מאכן אז די צענטראלע ברוקלין קאמיוניטי זאל אנטייל נעמען און בויען א שטאנדהאפטיגע פלאן וואס פארזיכערט אז SUNY דאונסטעיט טוט ווייטער צושטעלן העלט קעיר אין איר קאמיוניטי און טרענירן א פארשידנארטיגע העלט קעיר ארבעטסקראפט פאר די קומענדיגע דורות."

די אדווייזערי באורד האט געהאלטן די ערשטע פון דריי פובליק הירינגס אויף מיטוואך, יאנואר 22, 2025, 6 אזייגער נאכמיטאג ביי SUNY דאונסטעיט העלט סייענסעס אוניווערזיטעט ( Health Sciences University) צו הערן פון קאמיוניטי מיטגלידער און אנדערע ביזנעס אייגנטומער אלץ טייל פון איר פראצעדור. דעטאלן פאר די קומעדיגע פובליק הירינגס וועלן ווערן געמאלדן אין די קומעדיגע וואכן.

דאונסטעיט'ס שפיטאל שטעלט צו העלט קעיר סערוויסעס פאר פאציאנטן אין און אינדרויסן פונעם שפיטאל אין צענטראל ברוקלין און איז פאראויס אין אויספארש און סקאלערשיפ צו אדרעסירן העלטקעיר אונטערשיידן אין ניו יארק סיטי און לענגאויס די סטעיט.

לעצטע יאר, האט די SUNY דאונסטעיט'ס שפיטאל געהאט א 100 מיליאן דאלער יערליכע דעפיציט און האט געהאט ריזיקעס פון מער נישט קענען אנגיין אן נאך געלטער, בשעת זיך ספראוווען מיט א געשעדיגטע שפיטאל איינריכטונג און אויסגעשטעלט צו א גרויסע קריזיס, אריינגערעכנט לעצטיגע גרויסע אינפרוסטרוקטור אינצידענטן.

אין רעאקציע, האט גאווערנער Hochul (האקול) געארבעט מיט די לעגיסלאטור און SUNY צו אנטוויקלען א פלאן צו מאכן אז קאמיוניטי פירער זאלן אנטייל נעמען אין אנטוויקלען א שטאנדהאפטיגע צוקונפט פאר דאונסטעיט און צוגעשטעלט א היסטארישע קאפיטאל אינוועסטירונג, וואס וועט ווערן אנגעפירט דורך די אדווייזערי באורד'ס ארבעט.

לעצטע יאר'ס אקטיוו בודזשעט האט געגעבן די פליכט פאר די אדוויזערי באורד צו נעמען אין באטראכט רעקאמענדאציעס פון ביז 750 מיליאן דאלאר אין קאפיטאל אינוועסטירונג צו אוועקשטעלן א לאגישע, דערגרייכבארע און פינאנציעל פאראנטווארטליכע פלאן פאר די פינאנציעלע געזונט, פעהיגקייט און שטאנדהאפטיגקייט פון SUNY דאונסטעיט.

צו אנטוויקלען איר רעקאמענדאציעס, וועט די אדווייזערי באורד נעמען אין באטראכט אלגעמיינע העלטקעיר סערוויס דעליווערי טרענדס און מאדעלס; היסטארישע און פאראויסגעשאצטע פינאנצן פאר די שפיטאל און די קאמפוס; די יעצטיגע צושטאנד פון געביידע אינפראסטרוקטור און קאפיטאל געברויכן; קאמיוניטי העלטקעיר געברויכן; רעזולטאטן און העלט אונטערשיידן; עקזיסטירנדע סערוויס פארשלאגן און געזונט רעזולטאטן פאר פאציענטן אין און אינדרויסן פונעם שפיטאל; מעגליכקייטן און פלאץ פאר פאציענטן אין און אינדרויסן פונעם שפיטאל אין די ברייטערע הויפט און צווייטע סערוויס ערטער; אפמעסטן פעאיגקייט פון אפעראציעס און קוואליטעט פון העלטקעיר סערוויסעס; און טרענירונג געברויכן פאר סטודענטן און עמפלוימענט רעזולטאטן.

מיטגלידער וועלן נוצן די פובליק הירינגס צו צאמנעמען געדאנקען דירעקט פון די קאמיוניטי. שריפטליכע רעקאמענדאציעס וועלן ווערן אריינגעגעבן צו די גאווערנער און די לעגיסלאטור ביז אפריל 1, 2025.

**סטעיט העלט קאמישענער James McDonald (דשעימס מקדאנאלד) M.D., M.P.H. האט געזאגט,** "אזוי ווי די פובליק הירינגס הייבן זיך אן, האבן מיר א אייגנארטיגע געלעגנהייט צו פאראויסבאשטימען די לאנג-טערמיניגע צוקונפט פון SUNY דאונסטעיט שפיטאל. דאונסטעיט איז קריטיש וויכטיג פאר צענטראל ברוקלין, און די פראצעדור וועט אונז ערלויבן צו הערן דירעקט פון די קאמיוניטי וועגן זייער געברויכן און פריאריטעטן. איך בין פארפליכטעט צו ארבעטן מיט די אדווייזערי באורד צו אנטוויקלען א פלאן וואס פארשטערקערט דאונסטעיט'ס מעגליכקייט צו צושטעלן קוואליטעט העלטקעיר און עדיוקעישאן פאר אסאך יאר'ן."

**SUNY טשאנסעלאר John B. King Jr. (דזשאן ב. קינג דזשוניאר) האט געזאגט,** "זיך בויענדיג איף די ברייטערע קאמיוניטי אנטיילנעמונג וואס איז פארגעקומען איבער די לעצטע יאר, טוט די אנפאנג פון די פובליק הירינגס אפצייכענען א קריטישע טריט אין פארמירן די צוקונפט פון SUNY דאונסטעיט שפיטאל. מיר וועלן ווייטער ווערן אנגעוויזן דורך אנטיילנעמונג פון פארשידנארטיגע ביזנעס אייגנטומער כדי אז מיר זאלן קענען פארזיכערן אז SUNY דאונסטעיט בלייבט א פירער אין טרענירן פארשידנארטיגע מעדיצינישע פראפעסיאנאלן און צושטעלן די העלטקעיר וואס די קאמיוניטי דארף. איך קוק ארויס צו ארבעטן מיט די קאמיוניטי אדווייזערי באורד צו אנטוויקלען רעקאמענדאציעס ביז א

אומגעהערטע 750 מיליאן דאלאר אין קאפיטאל אינוועסטירונג פאר א לאגישע, דערגרייכבארע און פינאנציעל פאראנטווארטליכע פלאן פאר די פינאנציעלע געזונט, פעהיגקייט און דויערהאפטיגקייט פון SUNY דאונסטעיט."

**דר. Enitza George (עניטצע דזשארדזש), M.D., MBA, MSAI האט געזאגט,** "יעדן טאג וואס מיר קומען צום שפיטאל, איז אונזער הויפט פריאריטעט צוצושטעלן די בעסטע קעיר פאר די פאציענטן וואס מיר סערווירן. און צו בויען א שטאנדהאפטיגע שפיטאל וואס טוט ווייטער צושטעלן די בעסטע קעיר פאר אונזער געגנט, די קאמיוניטי וועט האבן א וויכטיגע ראלע און ווייזן וויאזוי מיר אינוועסטירן די היסטארישע 750 מיליאן דאלער, אנגעהויבן מיט די פובליק הירינגס."

**דר. Lesly Kernisant (לעסלי קערניסאנט) האט געזאגט,** "די הירינגס זענען א געלעגנהייט צו הערן דירעקט פון די איינוואוינער פון ברוקלין וועמען SUNY דאונסטעיט סערווירט, און די דיסקוסיעס וועלן העלפן פארמירן א צוקונפט אין וואס SUNY איז סיי פינאנציעל שטארק און אויסגעשטאט צו ווייטער אנגיין מיט איר מיסיע פון טרענירן העלטקעיר פירער און פארבעסערן געזונג רעזולטאטן לענגאויס צענטראל ברוקלין."

**בירגער בודשעט קאמישאן פרעזידענט Andrew Rein (אנדרו ריין) האט געזאגט,** "אזוויווי די קאמיוניטי הירינגס הייבן זיך אן, קוק איך ארויס צו הערן די מיינונגען פון מיין ברוקלינער און אנדערע ביזנעס אייגנטומער אויף וויאזוי די באורד קען העלפן צו פארזיכערן אז ברוקלינער האבן ווייטער צוטריט צו די קוואליטעט קעיר וואס עס קומט זיי און אז די קריטישע עדיוקעישאן פאר פארשידנארטיגע העלט קעיר פראפעסיאנאלן גייט ווייטער אן דא אין דאונסטעיט."

**פאסטור Louis Hilton Straker Jr. (לואיס הילטאן סטראקער דשוניאר) האט געזאגט,** "SUNY דאונסטעיט אין א פונדעמענט פאר צענטראל ברוקלין'ס געזונט און לעבהאפטיקייט. די הירינגס געבן אונזער קאמיוניטי די געלעגנהייט צו פארמירן איר צוקונפט און פארזיכערן אז עס טוט ווייטער אויפהייבן פאמיליעס און סערווירט אלץ א פונדעמענט פאר וואוקס און גלייכבארעכטיגקייט."

**סטעיט סענאטאר Zellnor Myrie (זעלנאר מיריע) האט געזאגט,** "די קאמיוניטי האט קלארגעשטעלט אז זיי ערווארטן א דורכזיכטיגע, אפענע פראצעדור צו פארמירן דאונסטעיט'ס צוקונפט און אדרעסירן ברוקלין'ס העלטקעיר געברויכן. איבער די קומעדיגע וואכן און חודשים, קוק איך פאראויס צו ארבעטן מיט קאלעגעס און שכנים צו באשיצמן די וויכטיגע אינסטיטוציע און פארזיכערן אז עס בלייבט אפען צו סערווירן אונזער קאמיוניטי."

**אסעמבלימעמבער Brian Cunningham (ברייען קאנינגהעם) האט געזאגט,** "די קאמיוניטי הירינגס פאר SUNY דאונסטעיט זענען א באווייז צו די וויכטיגקייט צו פארבינדן מיט איינוואוינער און ביזנעס אייגנטומער אין באשטימען די שפיטאל'ס און אוניווערזיטעט'ס צוקונפט. דאס איז א קריטישע געלעגנהייט צו פארזיכערן אז די שפיטאל און העלט סייענסעס אוניווערזיטעט האבן די ריסורסן, שטאב און שטיצע נויטיג צו סערווירן ברוקלין'ס פארשידנארטיגע קאמיוניטיס פאר אסאך יארן."

**ברוקלין קאמיוניטי באורד #17 טשעיר Rodrick Daley (ראדריק דעלעי) האט געזאגט,** "דורך ערלויבן די אדווייזערי האורד צו זיך פארבינדן מיט די קאמיוניטי, האבן מיר די געלעגנהייט צו ווידער אויסמאלן SUNY דאונסטעיט אין א וועג וואס סערווירט די בעסטע די מענטשן פון צענטראל ברוקלין. צוזאמען, וועלן מיר ארבעטן צו פארזיכערן אז דאונסטעיט טוט ווייטער צושטעלן הויכע-קוואליטעט עדיוקעישאן און שטייט אלץ א קריטישע ריסורס פאר אונזער קאמיוניטי'ס געזונג און וואויל-זיין."

**געוועזענע NYC געזונט און שפיטעלער עקזעקיוטיוו Claire Patterson (קלעיר פעטערסאן) האט געזאגט,** "SUNY דאונסטעיט איז געווערן א לייפליין פאר צענטראל ברוקלין, צושטעלנדיג קריטישע העלטקעיר סערוויסעס און עדיוקעישאנעל געלעגנהייטן וואס הייבן אויף אונזער קאמיוניטי. די הירינגס געבן אונז די געלעגנהייט צו פארזיכערן אז דאונסטעיט'ס צוקונפט שפיגלט אפ די פריאריטעטן פון די מענטשן וואס עס סערווירט, בשעת פארשטערקערן איר מעגליכקייט צו זארגן פאר אונזער פאמיליעס און טערנירן די קומעדיגע דור פון העלטקעיר פראפעסיאנאלן."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן